**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/20/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**באמערקונגען ווי צוגעגרייט: גאווערנער האקול דעקט אויף וויכטיגע פונקטן אין עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2027: א שטערקערע, זיכערערע, מער אפאָרדעבעל ניו יארק**

[***פולע בודזשעט ביכל פארעפנטליכט דא***]()

*די גאווערנער'ס רעדע – ווי עס איז צוגעגרייט געווארן – איז ווי פאלגנד:*

א גוטן נאכמיטאג, יעדער איינער. ערשטנס, וויל איך באדאנקען מיין אויסערגעווענטליכע הויכראנגיגע מאנשאפט — סעקרעטארשע צו די גאווערנער Karen Persichilli Keogh (קערען פערסיקילי קיאָו). בודזשעט דירעקטאר Blake Washington (בלעיק וואשינגטאן) — איר וועט הערן מער פון אים נאך אביסל. קאונסעל Brian Mahanna (ברייען מעהענע). איך בין אויך שטאלץ צו אויפנעמען צוויי נייע מיטגלידער אין מיין הויכראנגיגע מאנשאפט — דירעקטארין פון סטעיט אפעראציעס Jackie Bray (דזשעקי ברעי), וועלכע פילע פון אייך קענען פון איר ראלע אלס קאמישאנער פאר די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט (Division of Homeland Security), און מיין נייע פאליסי דירעקטארין Emma Vadehra (עמא וואדעהרא).

איך וויל באדאנקען מיינע שותפים אין די בודזשעט פראצעדור, די פירערין פון די סענאט Andrea Stewart-Cousins (ענדריע סטוּערט-קאָזינס), דער ספיקער פון די אסעמבלי Carl Heastie (קארל היעסטי). אויב די לעצטע פינף יאר האט אונז עפעס אויסגעלערנט, איז דאס אז מיר וועלן פארברענגען פילע שעות אין די צימער אין לויף פון די קומענדיגע עטליכע חודשים, אלעס אין א געמיינזאמע אונטערנעמונג צו קעמפן פאר ניו יארקער.

איך וויל אויך אנערקענען: סטעיט קאמפטראלער Tom DiNapoli (טאם דינאפאלי), סענאט דעפיוטי מאיאריטעט פירער Michael Gianaris (מייקעל דזשיענעריס), סענאט פינאנץ פארזיצערין Liz Krueger (ליז קרוגער), אסעמבלי שטייערן און פינאנץ אנגעלעגנהייטן (Ways & Means) פארזיצער Gary Pretlow (גערי פרעטלאו), סענאט מינאריטעט פירער Rob Ortt (ראַב אָרט), אסעמבלי מינאריטעט פירער William Barclay (וויליאם בארקלעי), העכסט-ראנגיגער מינאריטעט מיטגליד אויף סענאט פינאנץ קאמיטע סענאטאר O'Mara (אָומארא), העכסט-ראנגיגער מינאריטעט מיטגליד אויף אסעמבלי שטייערן און פינאנץ אנגעלעגנהייטן קאמיטע אסעמבלי מאן Ra (רא).

לעצטע וואך האב איך אויסגעלייגט אונזער אמביציעזע אגענדע פאר 2026, אונזער חזון פאר א שטערקערע, זיכערערע, מער אפאָרדעבעל ניו יארק. היינט בין איך דא אייך צו ווייזן וויאזוי מיר וועלן עס פינאנצירן פאראנטווארטליכערהייט אין אונזער עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2027. א בודזשעט איז מער פון ציפערן אויף א בלאט. עס איז א באהויפטונג איבער פריאריטעטן, א פראבע וואס זעהט ווי אחריות'דיג מיר זענען. און היי יאר, מיט אזויפיל אומזיכערהייט ארויסקומענדיג פון וואשינגטאן, מוז עס זיין א פלאן וואס קען ביישטיין אונטער דרוק.

אין לויף פון די פארגאנגענע פיר יאר האבן מיר אויפגעוויזן א וויכטיגע נקודה: עס איז מעגליך צו מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען אן העכערן אינקאָם טעקסעס, אן ארויפלייגן חובות אויף די קומענדיגע דורות און אן פארגעסן פון וואס מענטשן קענען זיך ערלויבן. געלט פון שטייער-באצאלנדע בירגער ווערט אויפגעטריבן דורך די שוויס פון ניו יארקער, אויף לאנגע טעג, שפעטע נאכט שעה'ן און פריע צופרי שעה'ן. און דערפאר איז דאס אונזער פליכט צו זיין פאראנטווארטליכע פארוואלטער אויפן קאסע בשעת'ן אויך אינוועסטירן צו בויען אן אפילו בעסערע צוקונפט.

פאר יארן איז די גרעסטע דראאונג אויף אונזער בודזשעט געווען א פאטענציאלע רעסעסיע. און מיר האבן פלאנירט פארזיכטיגערהייט צו באשיצן ניו יארקער פון די געפאר. אבער די נייעסטע שוועריגקייט – וואס איז אויך די שווערסטע צו פאראויס זעהן – איז עפעס גאר אנדערש: דירעקטע אטאקעס אויף סטעיטס דורך די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע. די פעדעראלע רעגירונג'ס באציאונגען מיט סטעיטס איז קיינמאל נישט געווען פשוט. אבער פאר צענדליגע יארן האט א יסודות'דיגע צוטרוי עקזיסטירט. ווען סטעיטס האבן זיך אהערגעשטעלט צו דורכפירן פעדעראלע פראגראמען האט די פעדעראלע רעגירונג זיך אהערגעשטעלט אלס א פארלעסליכער שותף.

אין לויף פון איין יאר, האט די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע איגנאנצן צובראכן די צוטרוי. איינמאל און נאכאמאל, האבן קאנגרעס רעפובליקאנער, אריינרעכענענדיג זיבן פון אונזער אייגענע סטעיט, נישט ערפילט זייער פליכט זיך צו ארויסשטעלן פאר די מענטשן וועלכע האבן זיי ערוויילט. זיי האבן די כוח צו אפשטעלן די בלוטיגונג, אבער זיי זאגן זיך אפ פון קעמפן פאר די בירגער אין זייערע דיסטריקטס. און אריבער דאס לאנד, זעהען מיר עכטע קאנסעקווענצן פאר ארבעטנדע פאמיליעס, אפגעזעהן פון פאר וועם זיי האבן געשטימט אין די וואלן.

און דערפאר שפיגלט די היי-יאריגע בודזשעט אפ צווי רעאליטעטן אין דעם זעלבן צייט: מיר האבן אן עכטע שוואונג דא אין ניו יארק. און עס איז אויך דא אומזיכערהייט אויפן וועג פאראויס, און דערפאר מוזן מיר זיין וואכזאם. די וואכזאמקייט איז וויכטיג ווייל ניו יארק'ס ערהוילונג נאך די פאנדעמיע איז נישט געווען אויטאמאטיש. עס איז געווען געבויט אויף פארזיכטיגע באשלוסן, א גערעכטע שטייער סיסטעם און אן עקאנאמישע קלימאט וואס מוטיגט וואוקס. די באלאנס האט געהאלפן אויפרעכטן א געפיהל פון זיכערהייט, געשאפן איין מיליאן דזשאבס אין די פריוואטע סעקטאר זינט איך בין ערוויילט געווארן גאווערנער און אוועקגעשטעלט אונזער סטעיט אויף שטערקערע פיס. אבער די הצלחה איז נישט גאראנטירט. און דערפאר איז די בודזשעט געבויט צו באשיצן דאס וואס ארבעט בשעת'ן זיך גרייטן פאר אומזיכערהייט ווייטער אין וועג.

אלזא, לאמיר אנהויבן מיט אן אלגעמיינע בליק. די עקזעקיוטיוו בודזשעט קומט אן צו 260 ביליאן דאלאר אין סך הכל שפענדונגען, א העכערונג פון 0.7 פראצענט. שפענדונגען זענען בלויז עטוואס ארויף, און דאס איז הויפטזעכליך צו באלאנסירן פעדעראלע שניטן, באזונדערס צו העלטקעיר.

דאס איז ווייל פעדעראלע געלטער אין די בודזשעט זענען אראפ מיט אומגעפער 10.3 ביליאן דאלאר. דאס איז אן 11.4 פראצענטיגע רעדוקציע בלויז פון לעצטע יאר. טייל דערפון איז געווען פאנדעמיע פארלייכטערונג געלטער וואס מיר האבן געוואוסט אז עס וועט אויסלויפן. אבער 3 ביליאן דאלאר דערפון איז רעגלמעסיגע Medicaid פינאנצירונג געלט אויף וועלכע ניו יארק איז אנגעוויזן צו צושטעלן קעיר פאר מיליאנען מענטשן. די ברייטקייט פון די פעדעראלע שניטן וואלט געווען פיל ערגער אויב וואלטן מיר נישט ערפאלגרייך אוועקגעשטעלט א פוס פאר די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע בלאקירנדיג צום ווייניגסטנס נאך 4 ביליאן דאלאר אין שניטן און פארפרירונגען, סיי אין געריכט און סיי נוצנדיג די פלאטפארמע פון די גאווערנער'ס אמט. דאס רעכנט אריין פראוואן צו מאכן שניטן פאר געזעץ אינפארסירונג גרענטס, 'סעיפטי נעט' פראגראמען און אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן וועלכע ברענגען גוטע יוניאן דזשאבס.

צו העלפן באלאנסירן די פעדעראלע שניטן, וועט די סטעיט אפעראציעס געלטער דארפן געהעכערט ווערן צו 157.6 ביליאן דאלאר. מיר מאכן זיכער אז שוואכערע ניו יארקער פארלירן נישט וועזנטליכע קעיר און מיר טוהען דאס בשעת'ן נאכאלץ באשיצן אונזערע שטייער-באצאלנדע בירגער. ווידעראמאל מאכן מיר נישט קיין אינקאָם טעקס העכערונגען פאר ניו יארקער.

און די בודזשעט האלט אן אויף 14.6 ביליאן דאלאר אין די רעזערוון. לאמיר נעמען א מינוט צו פארשטיין די ציפער בעסער. ווען איך בין אריין אין אפיס אין 2021, האבן מיר געהאט בערך 2.5 ביליאן דאלאר אין די רעזערוון. אין לויף פון די לעצטע פאר יאר האבן מיר אויפגעבויט אונזערע רעזערוון צו אנקומען צו די אנגענומענע סטאנדארט פון פאראנטווארטליכע בודזשעטס, גענוג שטארק צו באשיצן ניו יארק אין פאל פון שווערע אומשטענדן און גענוג בויגזאם צו נעמען שריט ווען פאמיליעס און ביזנעסער דארפן הילף.

לעצטע יאר, ארבעטנדיג מיט אונזערע פירער, האבן מיר געמאכט א פארזיכטיגע באשלוס צו נוצן א חלק פון די רעזערוון צו אפצאלן 7 ביליאן דאלאר אין אַנעמפלאָימענט אינשורענס חובות. דאס האט אראפגענומען א ריזיגע לאסט פון קליינע ביזנעסער בשעת'ן פארמערן בענעפיטן פאר ארבייטער וועלכע ווערן אהיימגעשיקט פון זייערע דזשאבס. אין אנדערע ווערטער: מיר האבן אויפגעבויט די רעזערוון קאסעס פאר א סיבה. און ווען די סיבה איז פארווירקליכט געווארן, האבן מיר גענוצט די קאסעס. אפילו מיט די ארויסגעצויגענע געלט, בלייבן אונזערע רעזערוון אין א געזונטע צושטאנד.
מיר האבן נאכאלץ די העכסטע רעזערוון פון סיי וועלכע אדמיניסטראציע אין סטעיט היסטאריע.

און די בודזשעט זעצט פאר צו באשיצן ניו יארק'ס פינאנציעלע סטאביליטעט. איינקונפטן האבן פארגעזעצט צו איבערשטייגן פארשאצונגען, אין טייל צוליב רעקארד-הויכע וואל סטריט באנוסעס. דאס שפיגלט אפ א פונדאמענטאלע רעאליטעט פון ניו יארק'ס שטייער סיסטעם. מיר האבן שוין יעצט די מערסטע 'פראגרעסיוועע' שטייער סטרוקטור אין דאס לאנד — דאס מיינט אז ווען די עקאנאמיע איז שטארק, און באזונדערס ווען מענטשן און ארבעטסגעבער מיט א הויכע נעט ווערט פארדינען מער, וואקסן אונזערע שטייער איינקונפטן.
און דאס איז וויאזוי מיר קענען אינוועסטירן מער אן בעטן ניו יארקער צו באצאלן מער.

אבער לאמיר זיין קלאר איבער עפעס אנדערש: דאס איז נישט א בודזשעט וואס שטעלט אפ פראגראמען. עס איז א דיסציפלינירטע בודזשעט. מיר זעצן פאר צו אינוועסטירן אין די הויפט סערוויסעס אויף וועלכע ניו יארקער פארלאזן זיך בשעת'ן אנהאלטן די וואוקס פון סטעיט אפעראציע געלטער אויף א פאראנטווארטליכע שטאפל.

אין לויף פון די פארגאנגענע יאר, האבן מיר געקוקט מיט א פארגרעסערונג גלאז אויף פראגראמען וועלכע זענען ארויסגעוואקסן פון קאנטראל.
נישט צו אוועקנעמען סערוויסעס נאר צו זיכער מאכן אז דאלארן פון שטייער-באצאלנדע בירגער קומען למעשה אן צו די מענטשן וועם זיי דארפן צו באדינען.

איין ביישפיל איז CDPAP. עס איז א פראגראם וואס שטעלט צו קריטישע קעיר פאר שוואכערע ניו יארקער, אבער עס איז געשאפן געווארן אן קיין שום אויפזיכט איבער דעם. די וואוקס דערפון איז געווען בכפלי כפליים, געטריבן דורך ווייכע כללים און אין טייל פעלער אפילו שווינדל. אויסגאבן זענען ארויס פון קאנטראל און האבן געשטעלט אין געפאר די מעגליכקייט פון דעם קריטישן פראגראם צו אנגיין. מיר האבן געזאגט: "גענוג איז גענוג." מיר האבן ארויסגעשניטן די מיסברויכונג און צוריק ארויפגעברענגט דעם פראגראם אויף די רעלסן.

אונזערע רעפארמען ארבעטן. די מענטשן וועלכע דארפן קעיר באקומען עס. מיר האבן ארויפגעלייגט דעם פראגראם אויפן וועג צו לאנג-טערמיניגע פינאנציעלע סטאביליטעט. און דורכן קאנטראלירן אדמיניסטראטיווע קאסטן, האבן מיר געפונען 1.2 ביליאן דאלאר אין איינגעשפארטע געלט, טאפלט פון וויפיל מיר האבן ערווארטעט. און וואס האבן מיר געטוהן מיט די איינגעשפארטע געלט? מיר האבן עס גענוצט צו סטאביליזירן Medicaid אין א מאמענט ווען די פעדעראלע רעגירונג ציהט ארויס ביליאנען אין שטיצע.

לאמיר ערקלערן וואס דאס מיינט. Medicaid איז איינס פון די גרעסטע עלעמענטן פון סטעיט רעגירונג שפענדונג. כמעט האלב פון ניו יארקער פארלאזן זיך אויף רעגירונג-געשטיצטע העלט אינשורענס דעקונג: עלטערע מענטשן, קינדער, מענטשן מיט דיסאביליטיס און ארבעטנדע פאמיליעס. אבער דאס יאר האט די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע דעקלערט קריג אויף סטעיטס און געשניטן פעדעראלע שטיצע וואס איז געווען אין פלאץ שוין זינט די 1960'ער יארן. מיר האבן געזעהן די ווירקונג פון די באשלוס כמעט אויף א באלדיגע פארנעם.

דורכאויס דעם זומער, זענען מיר געצווינגען געווארן צו מאכן שווערע באשלוסן צו באשיצן קעיר און האלטן אונזער סיסטעם סטאביל. יא, די סטעיט האט זיך טאקע אהערגעשטעלט צו נעמען אויף זיך די לאסט פון 750 מיליאן דאלאר אין קאסטן וואס די פעדעראלע רעגירונג האט אוועקגענומען. דער פרעזידענט'ס "גרויסע עקלדיגע ביל" וועט עפענען א 3 ביליאן דאלארדיגע לאך אין Medicaid אין דעם בודזשעט יאר אליין. מיר האבן אוודאי נישט געקענט פלאנירן דעפאר ווען Donald Trump (דאנאלד טראמפ) איז איינגעשוואוירן געווארן אין אמט בוכשטאבליך איין יאר צוריק פון היינט.

אבער פאלגנד איז וויאזוי מיר וועלן זיך באגיין דערמיט. מיר וועלן פארזעצן צו זוכן פאר וועגן צו פארמערן שפארזאמקייט אריבער די העלט קעיר סיסטעם ווייל אפהאלטן די וואוקס פון קאסטן איז וויכטיג. אבער מיר וועלן נישט ארויפלייגן קאסטן אויף פאמיליעס אדער איבערלאזן שוואכערע קאמיוניטיס אן לעבנסוויכטיגע מיטלען אזוי ווי וואשינגטאן האט געטוהן. דאס איז נישט ווער מיר זענען. די בודזשעט נעמט א באלאנסירטע צוגאנג — באשיצנדיג סערוויסעס שטיצנדיג פּראָוויידערס און זיך באגייענדיג מיט וואוקס אויף א פאראנטווארטליכע אופן.

אזוי ווי פעדעראלע פאליסי טוישט זיך, וועלן מיר פארזעצן צו באשיצן ניו יארקער בשעת'ן זיין אמת'דיג איבער וואס די סטעיט קען און קען נישט אליין נעמען אויף זיך. און אפילו אין די צייט וואס מיר באגייען זיך מיט די שוועריגקייטן, טוהען מיר נאכאלץ אינוועסטירן צו העלפן ארבעטנדע פאמיליעס זיך רוקן אויף פאראויס. דאס הויבט זיך אן מיטן צוריק אריינלייגן געלט אין מענטשן'ס קעשענעס. דאס יאר באצאלן ניו יארקער די נידעריגסטע מיטעלע קלאס שטייער ראטעס אין נאענט צו 70 יאר. און מיר ברענגען אן ענדע צו סטעיט אינקאָם טעקס אויף איינקונפט פון טיפּס כדי סערוויס ארבייטער זאלן קענען האלטן מער פון די געלט וואס זיי פארדינען. אויב איר ארבעט אויף לאנגע שיפטס, ביינאכט אדער סוף וואך, דארפן די טיפס גיין אייך צו העלפן באצאלן די בילס, נישט אוועקגענומען ווערן דורך שטייערן.

און מיר גיבן די זעלבע פארלייכטערונג פאר פארמער. די בודזשעט רעכנט אריין 30 מיליאן דאלאר אין געציהלטע פארלייכטערונג פאר ניו יארקע פארמער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך פעדעראלע טעריפס, באזונדערס מילכיגס און ספעציעלע פלאנצונגען. די שטיצע וועט צושטעלן בערך $3,000 אין דורכשניט צו העלפן באלאנסירן וואקסנדע קאסטן און האלטן פאמיליע פארמס אין אפעראציע.

יעצט, לאמיר אריבערגיין צו איינס פון די זאכן וואס לייגן די מערסטע דרוק אויף בודזשעטס פון פאמיליעס: טשיילד קעיר. ווען איך בין אריין אין אפיס, האט די סטעיט רעגירונג אויסגעגעבן בערך 832 מיליאן דאלאר אויף טשיילד קעיר סובסידיעס, גאר ווייט פון גענוג צו ערפילן די באדערפענישן פון

ארבעטנדע פאמיליעס. אלס ניו יארק'ס ערשטע גאווערנער וואס איז א מאמע, איז דאס פערזענליך פאר מיר.

זינט איך בין אריין אפיס, האט ניו יארק, דורך אנהאלטנדע און פארזיכטיגע אינוועסטירונג, אויסגעגעבן מער פון 8 ביליאן דאלאר אויף טשיילד קעיר און עדזשוקעישען פאר קליינע קינדער. היי יאר, וועלן מיר אינוועסטירן נאך 4.5 ביליאן דאלאר אין טשיילד קעיר צו אויסברייטערן צוטריט און רעדוצירן קאסטן פאר ארבעטנדע פאמיליעס. מיר ווייסן אז ניו יארק סיטי און די רעשט פון די סטעיט האבן אנדערע באדערפענישן און אנדערע אינפראסטרוקטור ווען עס קומט צו טשיילד קעיר, און זיי פארלאנגען אנדערע לייזונגען. אין ניו יארק סיטי, וועלן מיר אינוועסטירן 500 מיליאן דאלאר צו פולשטענדיג פינאנצירן די ערשטע צוויי יאר פון אוניווערסאלע 2-Care בשעת'ן פארזעצן צו שטיצן די פארשפרעך פון אוניווערסאלע 3-K.

אריבער די סטעיט, אינוועסטירן מיר 1.3 ביליאן דאלאר אין אן אנדערע צוגאנג וואס איז פונקט אזוי אמביציעז. ערשטנס, וועלן מיר מאכן אוניווערסאלע פרי-קינדערגארטן צו באקומען פאר יעדע איינציגע פיר יעריגעס קינד ביז 2028. מיר האבן געבויט אין די ריכטונג פאר יארן. היינט, זענען אומגעפער 75 פראצענט פון די פיר יעריגע קינדער וואס מיר ערווארטן צו באדינען שוין איינגעשריבן אין פרי-קינדערגארטן.

און צו ערפילן די באדערפענישן פון פאמיליעס בעפאר די עלטער, וועלן מיר אויספרובירן דאס יאר קאמיוניטי-ברייטע טשיילד קעיר צו צושטעלן גאנץ-יאריגע אפאָרדעבעל קעיר דורכאויס די גאנצע טאג פאר ניי-געבוירענע בעיביס ביז 3 יעריגע. און מיר וועלן ארויפבויען אויף די אויפגעוויזענע הצלחה פון אונזער טשיילד קעיר הילף פראגראם (Child Care Assistance Program) און אונזערע וואַוטשער פראגראמען כדי נאך צענדליגע טויזנטע פאמיליעס זאלן קענען צוקומען צו קעיר פון א הויכע קוואליטעט פאר נישט מער פון $15 פער וואך.

יעצט, איך וויל זיין קלאר: מיר קענען פינאנצירן די אויסברייטערונג אין די נאענטע טערמין ווייל די איינקונפטן זענען דא. מיר שטעלן נישט אן א פנים אז מיר קענען פאראויסשאצן וויפיל מענטשן וועלן זיך איינשרייבן אדער די פעדעראלע פאליסי פינף יאר פון יעצט.

און דערפאר טוהען מיר וואס א פאראנטווארטליכע רעגירונג טוט: מיר נוצן אויס עקזיסטירנדע מיטלען היינט און בויען אין ריכטונג פון לאנג-טערמיניגע שטאנדהאפטיגקייט. אבער איך ווייס אז מיין פארפליכטונג איז דא פאר יארן אריין אין די צוקונפט. אונזער פארפליכטונג צו אונזערע קינדער ענדיגט זיך נישט ווען זיי וואקסן ארויס פון טשיילד קעיר.

די בודזשעט אינוועסטירט אין דעם קומענדיגן דור מיט נאענט צו 40 ביליאן דאלאר אין סקול עיד. און מיר זעצן פאר צו זיכער מאכן אז דיסטריקטס וואו די נויט איז העכער ווערן פינאנצירט ווי עס פארלאנגט זיך. נאך זעכצן לאנגע יארן פון פריערדיגע אדמיניסטראציעס נישט צושטעלנדיג גענוג, האב איך געמאכט די באשלוס צו פולשטענדיג פינאנצירן Foundation Aid, גיבנדיג פאר שולעס די זיכערהייט אן באדייטנד ארויפטרייבן לאקאלע שטייערן.

פילע פון די דיסטריקטס זענען אין א גרויסע נויט אדער זענען אין שטעטלישע ראיאנען פון די סטעיט און האבן נישט קיינע אנדערע וועגן צו אויפטרייבן איינקונפטן. און דערפאר טוהען מיר ווידעראמאל העכערן Foundation Aid נאך מער פון די סומע וויפיל שולעס וואלטן באקומען אונטער די עקזיסטירנדע 'פארמולע'.

יעצט, איך וויל זיין קלאר איבער עפעס: פינאנצירונג אליין גאראנטירט נישט תוצאות. און דערפאר האבן מיר צוזאמגעפארט היסטארישע אינוועסטירונגען מיט שכל'דיגע רעפארמען ווי ארויסנעמען סעלפאונס פון קלאס צימערן כדי קינדער זאלן אנהויבן צולייגן קאפ צו זייערע לערער און ווערן אויסגעלערנט צו לייענען מיט מעטאדן וואס גייען צוריק צו די יסודות, א צוגאנג וואס מיר וועלן אויסברייטערן אויך צו מאטעמאטיק דאס יאר.

און געדענקט איר אונזער אוניווערסאלע שולע מאלצייטן (Universal School Meals) פראגראם וואס מיר האבן אוועקגעשטעלט לעצטע יאר? עס איז געווען אזוי פאפולער אז די פארלאנג איז איבערגעשטיגן אונזערע ערווארטונגען. און דערפאר ברייטערן מיר אויס צוטריט מיט א 395 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג פאר דעם צווייטן יאר. דאס איז 50 מיליאן דאלאר מער פון לעצטע יאר. ווייל קיין איין קינד טאר נישט געלאזט ווערן זיך צו דארפן זארגן איבער פון וואו זייער קומענדיגע מאלצייט וועט קומען. פינטל.

מיר באשיצן אויך אפארדעביליטי ביי SUNY און CUNY. איך האב געזעהן די כוח פון א קאלעדזש עדזשוקעישען דורך די געלעגנהייטן וואס עס האט געעפנט פאר מיין אייגענע פאמיליע. און דערפאר זעצט די בודזשעט פאר א פארפרירונג פון שכר לימוד און שטעלט צו פאר קאמפוסן נאך 90 מיליאן דאלאר אין שטיצע פאר אנגייענדע אפעראציעס כדי זיי זאלן נישט דארפן ארויפציהען קאסטן אויף סטודענטן און פאמיליעס.

מיר זענען שטאלץ מיט אונזער אומזיסטער קאמיוניטי קאלעדזש פראגראם וואס העלפט שוין יעצט סטודענטן וואס לערנען אין זייערע ערוואקסענע יארן צו באקומען די סקילס וואס זיי דארפן פאר שיין-באצאלטע דזשאבס. צו ארויפבויען אויף די הצלחה, פארמערט די בודזשעט די פינאנצירונג פון 47 מיליאן דאלאר ארויף צו נאענט צו 60 מיליאן דאלאר, אויסברייטערנדיג צוטריט צו נייע פעלדער וואו עס איז דא א הויכע פארלאנג. מיר ארבעטן אויך איבער די בארעכטיגונג תנאים כדי ניו יארקער וועלכע האבן שוין א דעגרי אין אן אנדערע פעלד זאלן קענען באקומען טרענירונג אלס נוירסעס און העלפן ערפילן אונזערע ארבעטסקראפט פארלאנגען שנעלער.

ניו יארקער קומען זיך אן עדזשוקעישען פון א הויכע קוואליטעט, פונקט אזוי ווי זיי קומען זיך א זיכערע און אפאָרדעבעל פלאץ צו פאררופן א היים. כאטש מיר האבן געמאכט עכטע פארשריט, איז מיין פארפליכטונג צו באקעמפן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס שטערקער פון סיי ווען בעפאר. מיר זענען יעצט אין דעם פינפטן יאר פון אונזער 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן. איך בין פרייליך צו באריכטן אז מיר דערנענטערן זיך צו די ענדע און אז מיר וועלן אנקומען צו אונזער ציהל פון 100,000 נייע אדער פרעזערווירטע היימער וואס מיר ערווארטן צו דערגרייכן אין דעם קומענדיגן יאר.

איך וויל ארויפבויען אויף די הצלחה.

און דערפאר, בעפאר אונזער פינף יאריגע פלאן קומט צום שלוס, וויל איך אינוועסטירן נאך 250 מיליאן דאלאר פאר אפאָרדעבעל האוזינג צו האלטן פראיעקטן זיך רוקנדיג אויף פאראויס און נאך מער אויסברייטערן די מארקעט. און מיר וועלן צושטעלן 100 מיליאן דאלאר פאר MOVE-IN NY, העלפנדיג פאמיליעס זיך אריינציהען אין זייער ערשטע אייגענע היים אין פארעם פון פאבריק-געבויטע היימער פון א הויכע קוואליטעט, געבויט שנעלער פאר נאענט צו האלב די קאסט פון טראדיציאנאלע האוזינג. מיר אינוועסטירן אויך 50 מיליאן דאלאר אין אונזער שטאנדהאפטיג און גרייט (Resilient and Ready) פראגראם צו באשיצן האוזינג פון פארפלייצונגען און עקסטרעמע וועטער.

און נאך 25 מיליאן דאלאר פאר דעם היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם ( Homeless Housing and Assistance Program) ברענגענדיג אונזער סך הכל פארפליכטונג צו 153 מיליאן דאלאר כדי מיר זאלן קענען פארזעצן צו שטיצן אונזערע מערסטע עמפינדליכע שכנים.

איך האט מיר געהערט רעדן איבער אפארדעביליטי, עדזשוקעישען, העלטקעיר און האוזינג. אבער די יסוד פאר דאס אלעס איז האלטן מענטשן זיכער. מיר האבן געמאכט רעקארד-הויכע אינוועסטירונגען אין פארברעכן-באקעמפנדע סטראטעגיעס וואס ארבעטן, און די רעזולטאטן זענען עכט.

די בודזשעט בויט ארויף אויף דאס וואס ארבעט: 352 מיליאן דאלאר פאר גאן פארברעכן פארמיידונג און 77 מיליאן דאלאר צו פארשטערקערן סאָבוועי זיכערהייט. מיר וועלן אויך אינוועסטירן 35 מיליאן דאלאר אין Securing Communities ('פארזיכערן קאמיוניטיס') גרענטס צו באשיצן געבעט הייזער און עמפינדליכע ארגאניזאציעס.

און די לעצטע פאליסי וואס איך וויל אדרעסירן איז עפעס וואס איז גאר וויכטיג צו מיר פערזענליך: אויספלאסטערן א ריינערע און גרינערע צוקונפט פאר אונזערע קינדער און אייניקלעך.

וויסנדיג די געפארן וואס אונזער סביבה שטייט אויס, האב איך צוגעלייגט דורכאויס מיין סאמע ערשטן חודש אין אפיס 1.3 ביליאן דאלאר צו דעם ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ ( Environmental Bond Act), ברעגענדיג די סך הכל צו 4.3 ביליאן דאלאר. די אינוועסטירונג ברענגט שוין יעצט רעזולטאטן מיטן באשיצן טרונקען וואסער, מאדערניזירן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור און שאפן דזשאבס אין קאמיוניטיס אריבער די סטעיט.

דאס יאר, האב איך באשלאסן צו גיין פיל גרעסער, אויסברייטערנדיג אונזער פארפליכטונג מיט א נייע 3.75 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע אינוועסטירונג אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור. עס באשיצט די געזונטהייט פון די פובליקום און שטיצט דאס אויפבויען האוזינג וואס ניו יארקער דארפן.

לאמיר נעמען א נאענטערע בליק אויף וויאזוי די פריאריטעטן ווערן אפגעשפיגלט אין די ציפערן, און צו איבערגיין די פלאן מיט אונז, וויל איך איינלאדענען אונזער בודזשעט דירעקטאר, Blake Washington (בלעיק וואשינגטאן), צו דעם פאדיום.

[בודזשעט דירעקטאר BLAKE WASHINGTON (בלעיק וואשינגטאן רעדט]

א דאנק, Blake (בלעיק).

איך דארף אונטערשטרייכן עפעס וואס Blake (בלעיק) האט נארוואס איבערגעשמועסט. ניו יארק סטעיט באקומט 17 ביליאן דאלאר אין איינקונפטן אין לויף פון די קומענדיגע צוויי יאר וואס שטייגט איבער פריערדיגע פארשאצונגען. דאס איז 17 ביליאן דאלאר פון מענטשן וואס פארדינען אסאך, פון רעקארד-הויכע וואל סטריט באנוסעס און פון אן עקאנאמיע וואס בליהט ווידעראמאל.

דאס איז די געלט וואס מיר וועלן נוצן צו באשיצן ניו יארקער פון פעדעראלע צומישעניש און כאאס און צו פינאנצירן אונזער דרייסטע אגענדע פאר דעם בעפארשטייענדן יאר.

עס ערלויבט אונז צו האלטן אונזערע רעזערוון שטארק כדי מיר זאלן קענען פארזעצן צו פינאנצירן אונזערע פריאריטעטן פאר דעם מארגנדיגן טאג.

דאס איז די סיבה פארוואס פאר די לעצטע פינף יאר בין איך געווען קאנצענטרירט אויף א וואוקס-שטיצנדע אגענדע וואס האלט ניו יארק אין פאזיציע צו קענען קאנקורירן מיט אנדערע. ווייל דאס איז וויאזוי מיר פינאנצירן א שטארקע געזעלשאפטליכע 'זיכערהייט נעץ' פאר ניו יארקער וועלכע דארפן דאס, און וויאזוי מיר ברייטערן אויס פראגראמען וועלכע העלפן פאמיליעס זיך ערלויבן די לעבנסוויכטיגע זאכן ווי טשיילד קעיר.

קוקנדיג אויף די בודזשעט מיט א ברייטע בליק, קענט איר זעהן אז עס שפיגלט אפ דיסציפלין, שוואונג, אמביציע און גרייטקייט פאר א מער אומזיכערע וועלט.

אין מיין 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע האך איך געזאגט אז מיר האבן געבויט די שיף צו ביישטיין די שטורעם. מיר פארלאזן זיך נישט אויף רואיגע וואסערן ווייטער אראפ די וועג. מיר סטאביליזירן אונזער וועג צו דורכשוויצן וואס אימער קומט ווייטער.

מיר מאכן פארזיכטיגע באשלוסן און נוצן אונזערע מיטלען פאראנטווארטליכערהייט. ווייל דאס באשיצן אייער פאמיליע און באשיצן אייער צוקונפט איז מיין גערעגל.

און די בודזשעט איז די וועג וויאזוי מיר פירן דאס אויס.

א דאנק.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן